Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1943

טכאלש א ראפ עידראווג-רעטַײר

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library



## רײַטער־גווארדיע פאר א שלאכט

די גריוועס — אָנגעפּוכט מיט פינקלדיקנ שניי,
אונ פונ די נאָזלעכער ווי זײַלנ גייט א פארע:
עס וועלנ ווײַטנ באלד זיכ געבנ א צעגיי,
עס וועלנ באלד די רוימענ זיכ צעשפּארנ.

אינ דר'הייכ — א שטערנ ווי א פיש גיט זיכ א וואָרפ,
דער שניי באנאכט לאָזט זיכ פונ קיינעמ ניט בארירנ;
לענגויס דעמ וועג פונ אײַנגעשלאָפנ דאָרפ
אפ א באפעל ווארטנ דאָוואטאָרס רײַטערירע,

פונקט ווי געהאקט פונ מירמל אונ פונ שטיינ,
נאָר יעדער אייווער — אָנגעגליט אונ וואכ איז,
שינעלנ הייבנ זיכ ווי פליגל אופ אליינ,
אונ אפ דער זײַט זיצנ די שמויסענע פאפאכעס.

צו האלבער נאכט דורכ אָט דעז וועג, וואָס איז פארווייט,
ווענ ס'דאָרפ אינ דרעמל זײַנ פארזונקענ וועט אזוי נאָכ,
וועלנ דאָוואטאָרס רײַטערירע אינ א רעיד
אוועקגיינ טיפ אינ הינטערלאנד פונ כוינע.

אפ שטאלטנע פערד — באזילבערטע זיכ דאכט,
וואָס זײַנענ גרייט איבער אנ אָפּגרונט זיכ א ריס טאָנ,
דער קאָמיסאר דער באטאליאָנער — קאבארדא,
דער פּאָדפּאָלקאָווניק, א פארדײַגעטער, — אריסטאָוו.

דורכ שטילקײַט נאכטישער זיי הערנ דאָס געוויינ
פונ די פארפײַניקטע אונ לײַדנדיקע ערדנ,
ווו ביז די העלדזער שטייענ שטיבעלעכ אינ וויי,
ווו בלוטיק בושעווענ די דײַטשלענדישע מערדער,

עס זעצט אפ ביימער אפ פארשנייטע זיכ דער ווינט,
ער וועקט די צווײַגנ די פארקאָוועטע פונ אומעט.
אונ אינ דער פינצטער טײַטלענ זיי: אהינ,
דאָרט ניט דערווארט מענ זיכ אינ פײַנ אפ זייער קומענ.

אינ זאָטלענ קוימ די רײַטער־רע זיצנ אײַנ,
צו לייצעס אומגעדולדיק טוליענ זיכ באגנעטנ.
מע זאָל שוינ גיכער ווי א שטורעמווינט ארײַנ,
דעמ שוואב די שארבנס מיט די קאָפיטעס א קנעט טאָנ.

נאָר דער באפעל האָט זיכ פארהײַעט. ניט פאראנ.
די רעגעס לאנגזאמ אינ די שנייענ ערגעצ הריזנענ;
אונ ס׳גיט א קרעכצ מיט ווייטעק דער באיאנ,
ווי ס׳וואָלט געריסנ זיכ דאָס הארצ פונ דער דיוויזיע.

די קלאנגענ גיבנ טיפ דעמ כוישעכ א צעגראָב,
פונ אונטער פינגער א צעפאָכ גיבנ זיכ פונקענ.
אונ קאבארדא א דריי פארוווּנדערט טוט דעמ קאָפ:
— ווארט אויס! וואָס שפילט ער דאָרט? ס׳איז, דאכט זיכ, א לעזגינקע?

אונ פונעמ פערד איז ער אראָפ, פונקט ווי א בליצ,
אונ א פארהייב געטאָנ די פאָלעס פונ דער בורקע:
פונ אונטער פיס האָט דאָרט דער שניי געטאָנ א שפריצ,
דעמ ערשטנ קרײַז ווי אינ דער לופט איז ער אדורכגאנ.

נאָכ אימ — אריסטאָוו האָט א שפרונג געטאָנ פונ פערד
אונ א פארצויבערטער געלאָזט זיכ אפ אנטקעגנ
אונ, מיט די טריט ניט אָנרירנד די ערד,
דעמ קאָמיסאר, זיכ טראָגנדיק, באגעגנט.

דער שניי פארזידט. דער שניי לויפט אויס אונטער דעמ בראָק,
צעשפרייט די הענט באמ קאָמיסאר זײַנענ ווי ווײַזערס.
אָט גיט דאָרט איינער נאָכ דעמ אנדערנ א יאָג,
אונ אָט צעווארפנ זיי זיכ פליִענדיק אינ קרײַזנ.

— אינ האלבנ צוזעצ, פאָדפאָלקאָווניק! ניט געײַלט!
עס דוכט, אז ס׳דרייענ ארומ אימ זיכ שוינ די שנייענ;
דער הארמאָניסט בײַט נאָר דעמ אויער יעדער ווײַל,
די קלאנגענ ווײַט זיכ אינ דער נאכט ערגעצ צעגייענ.

און אױף די פערד די רײַטערירע זיצן גראַד,
די הענט צו שטערנס הײבן שטרענגע זיך אַלײן אױף, —
און מיט די הערצער קלאַפּן אױס זײ אַקוראַט
אַ יעדן טאַקט װי אין אַ ליד אַזאַ פאַרײניקט.

די אױסגעפּײַניקטע זײ ברענגענע דאַרפן פרײד
און פאַר די לײד די ביטערע — באַלױנען;
דאָװאַטאָרס רײַטער הײבן אָן אַזױ דעם רעיד
אין האַלבער נאַכט — צום הינטערלאַנד פון סױנע.

און אין דער מיט, אין סאַמע ברען, האָט זיך דערהערט
פון גענעראַל אַ הילכיקע קאָמאַנדע:
— קאַװאַלעריסטן, אױף די פערד! צו דרײַ אױף רעכט!
— נאָך מיר, דאָװאַטאָראָװצעס, — אַרש! און — צו די ראַנדן!

ס'איז האַלבע נאַכט. די הײך איז אױסגעשטערנט קלאָר.
געשמידט פון צױבער קאָנען בײמער זיך ניט רירן,
און װי אַ שטורעם כּוונעם שלאָפנדיקן דאָרף
לאָזן אין אָנגריף זיך דאָװאַטאָרס רײַטערירע.

★✦★

## יאַם־אינפאַנטעריע

ס'אײַלן װינטן פון יאַמען געטרײַע,
דורך די װאָלקנס זיך רײַסן געבערג:
— שפּרײט דעם סױנע אַ נעץ אױס פון פײַער,
אין דײַן האַס אים פאַרשלײַף און דערװערג!

ס'הײבן אױף זיך צעטראָטענע זױמען,
אונטער בלײַענעם האָגל געזײט:
— שנײַד, געליבטע פון יאַמישע רױמען,
די פאַרדאַרבער פון סטעפּישער ברײט!

אױף פאַרױכערטע כװאַליעס אױף שװאַרצע
שטיל אַ מאַמע דאָס קינד אירס פאַרװיגט:
— זאָל דער שטורעם פון יאַם אין דײַן האַרץ זײַן,
און די רו פון אַ פעלדז — אין דײַן בליק,

און די קראַפט אין דײַן האַנט — פון אַ דונער,
און דער פּאָך אין דײַן שװערד — פון אַ בליץ!